# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


# Ofgang afn Dnyeper


**Markiš, Perec D.**
**מאַרקיש, פּערעץ**



**Mosḳṿe, 1937**

3

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240**



Visual Library

## 3

דערנעבנ אינ קופע האָט זיכ געטומלט אונ געראשט,
מ׳איז דאָרט געשטאנענ אויסגעפוצט אינ היימישע וואטניקעס;
אונ אווראָמ־הערש דער בריגאדיר האָט דאָרט געגאָסנ פונ א פלאש
נ׳אפ יעדנ וואָרט האָט ער זיכ לאכנדיק פארהיקעט.

געקרייצט האָט זיכ ס׳געלעכטער מיט דעמ פײַפ פונ צוג,
מיט גרילצ פונ שטאָל געפלאצט האָבנ די פלעשער;
א פארע — אינ דער הייכ. דאָס ליכט זיכ מאָרדעוועט אונ טוקט,
עס שלײַדערנ זיכ הענט געזונטע, ווי באמ דרעשנ.

די קעפ פארווארפנ זיכ פאר גרינער שארפ פונ בראָנפנ,
אָט איז טרובא. מיט אויגנ איבער שקאליקעס א פיר,
אינ שמייכלט קלינגענדיק ארויס אונ אָפּנ:
— א נעכטעלע פונ זעלבסטעט־קײַט, א, בריגאדיר? —

עס גיט באַ אַלעמען דאָס האַרץ אַ טיאָכקע,
אַ פרייַלעכקייַט באַ אַלע כאַפּט זיך אָן אין בליק;
נ׳וועג אייַנער פּרוּווט זיך אויפהייבן פון אָרט דאָרט,
גיט מיט דער באָרד דאָרט אוּוראָם־הערש אַזאַ קאָמאַנדע: — ליג!

מיט ווינטשעוואַניעס גרויסע אָנגעפילט זייַן קאָל איז,
די גלאָז דערלאַנגט ער טומלדיק דעם גאַסט:
— ס׳איז ניט קיין מאַשקע! — ס׳פאָרן באַלעגאָלעס
פאַרדינען ברויט באַ דער סאָוועטסקער וולאַסט! —

עס האָבן הענט געהויבן זיך, ווי פּוזשעלעס, אָן בייַטשן,
געסמאָקעט מ׳האָט די גלאָז די אייַנציקע אַפּ אַ וואַגאָן,
דער צוג פון דר׳היים געווען איז זייער ווייַט שוין, —
ס׳האָט קיינער פון צוריק שוין טראַכטן ניט געקאָנט.

האָט אוּוראָם־הערש געזעגט אין דר׳הייך דעם בריגאַדירסקע גאָרגל
און מיט דער פלאַש געטוליעט זיך צו יעדער פּאָר:
— נעווייַלעס! אָן דער בייַטש זאָלט איר מיר דאָרטן נאָכגיין,
ווי ס׳זייַנען פערד באַ מיר געגאַנגען צוואַנציק יאָר. —

ס׳האָט גלייַך זיך אָפּגעטאָן פון אַלעמען דער ראַש,
געווישט דאָס מויל האָט אוּוראָם־הערש זיך מיט דער פּאָלע
און אַפּ טרובאַן האָט אוּוראָם־הערש געטייַטלט מ ט דער פלאַש:
— איז זאָל מען וויסן, אַז אַ באַלעגאָלע איז אַ באַלעגאָלע!

געזען, פאַרפרוּווט, זיך אויסגעגלייַכט און — איידאַ!
און איצטער, באַלעגאָלעס, אייַנגעשפּאַנט זאָל זייַן —

לעכאִמ, באלעגאָלעס, לעכאִמ, ווי בא לײַטנ, —
אונ פונ דער פלאש האָט ער אליינ דאָס לעצטינקע דערזײַט.

מיט קלומקעס אונ מיט זעק פארוואלגערט דער וואגאָנ איז.
ניטאָ קיינ פלאצ אפ אויסציילנ א שפאנ;
פונ שטעטל אופגעהויבנ האָבנ זיכ די באלעגאָלעס
אונ אָפגעלאָזט אפ ארבעט זיכ — צופוס אונ מ׳ט דער באנ.

זיכ אויסגעפוצט ביז לעצט — אינ אויסגעקראָכענע, אינ אלטע פעלצנ,
אונ ביזנ הימל אויסגעוידלט זיכ — אפ קאָשער אונ געדיכט,
אונ אווראָמ־הערשנ אויסגעקליבנ פארנ עלטסטנ,
אונ אווראָמ־הערשנ אויסגעקליבנ פארנ בריגאדיר.

נאָר אָפגעזונדערט אינ א ווינקל איז געזעסנ זאָול,
ווי אזא קוואָקעדיקע הונ אונטער א זיפ,
דאָס פליכעוואטע פאָנעמ איז בא אימ געווענ פארבלאָזנ,
אונ אלעמאָל האָט ער א לעק געגעבנ זײַנ צעהאקטע ליפ.

ס׳האָט אימ זײַנ פערד אינ מויל אמאָל געטאָנ א נערעק,
אז ס׳האָט די ליפ געפלאצט בא אימ אפ העלפט,
נאכהער איז עס פארוואקסנ זייער ניט געהעריק:
א האלבע ליפ — אהינ, א האלבע ליפ — אהער.

נ׳געדאכט האָט זיכ, אז ער האָט אָנגעהאלבנ מײַלער.
איז ער געזעסנ אינ א ווינקל אונ געקרעכצט,
אונ אווראָמ־הערש ט׳אימ פאָרגעהאלטנ אלע ווײַלע:
— וואָס דרייסטו מיט די זיבנ מײַלער, זאָזל, לינקס אונ רעכטס? —

און ס'האָט זיך אוואָרעם־הערש געבעטן בא אים ראַכמים:
— קרעכץ ניט, זאָזל־לעבן! קרעכץ ניט, כ'יעס,
פארשטער אונדז ניט דעם וועג! וואָס האָסטו זיך צעיאַכמערט,
נעווייַלע מיִעסע וואָס דו ביסט?

און ווידער — טומלדיק, און ווידער — ראַשיק,
און צום פאַרבייַסן ברויט ווערט פייַערלעך דערלאַנגט.
א יעדער זוכט עפּעס פארזאָרגט אין זייַנע טאַשן,
בא יעדערן אין קלומעקעס זיך גלי͏̈טשט די האַנט.

מע גיט אפּן וואַגאָן דעם רייעך פון ציבעלעס א לאָז אָן
אזוי, אז טרערן שפּריצן פון די אויגן ווי פון גאַז;
און ציבעלעס מע עפנט אוף די בייַכיקע, ווי רונדע מאָזערס
מיט גאָלדענע קאָפּערטעס טרישטשענדיק געפּאַסט.

מע קיצלט זיי, מע טאַפּט זיי און מע דרייט זיי — און סע דאַכט,
אָט באַלד וועט מען זיי אָנציִען ווי אלטע גראָבע זייגערס,
און זיי וועלן צעקלינגען זיך — פאַרצייַטיק צאַרט,
ווי ס'האָבן גלעקער באַלעגאָלישע געקלונגען בא די זיידעס.

און — קיינער ניט קיין וואָרט. מע קוקט זיך נאָר אַרום.
מיט נעזלעכער — מע פרעגט. מיט נעזלעכער — מע ענטפערט.
מיט נעזלעכער — מע מרוקעט: — המ.. הומ...
און ווער — סע רוקט זיך אָפּ, און ווער — סע רוקט זיך נענטער.

און ס'הערט זיך דער געכראַמק, און ס'הערט זיך דער געראַנגל
פון ציבעלעס, גענומענע אפּ אופגעבראַכטע ציין;

זיי ווארפֿן פֿון א יאסליע צו א יאסליע זיך דערלאנגען,
און א יעדער מוסקול גלייך ווי קוועקזילבער דערציילט:

ווי זיס ס׳זיינען די ציבעלעס, ווי ס׳שפּריצט פֿון זיי מיט שפּייעכץ,
ווי ס׳גלוכט זיך נאָך א הערינג א געזאלצענער צו זיי.
און די ציינער מאָרדעווען זיך, און די ציינער שרייען,
פֿון איין זייט אף דער אנדערער — צעמאָלן און צעזייט.

און די נאכט איז לאנג, זי ציט זיך דאָרט אף מײַלן,
און א ווינט דאָרט ערגעץ בושעוועט און דרייט;
איז ווישט מען זיך מיט ארבל מעכטיק אָפּ די מײַלער,
מע צעקעמט די בערד מיט פֿינגער ווי אין דר׳היים.

דערנאָך שטעקט מען ארײַן די קעפּ נאָך אין די קלומקעס,
פּונקט ווי אין די טאָרבעלעך פֿארגראָבן זיך די פֿערד,
און מע ציילט ס׳געבליבענע — שווער אזוי און אומעטיק,
און ס׳גלוסט זיך יעדן איינציקן א וואלגער טאָן אף דר׳ערד.

נאָר ס׳רײַבט זיך אווראָם־הערש די אויגן מיט דער פּאָלע
און שטורכעט יעדן איינעם, ווי אן אָנגעכּוישטן זאק;
— דאָס איז ניט קיין וועטשערע, כאווירים באלעגאָלעס,
ס׳איז מיט די סאָוועטן, באלעגאָלעס, א קאָנטראקט! —

און מיט אלטע קלומעקלעך דורך פֿענצטער אופגעמאכטע,
און מיט ווײַט־ארויסגעשטעקטע נײַגעריקע קעפּ
איז צו דאָרט צום וואָקזאל דער צוג, ווי אזא וואכטע,
אף רוישיקן געפּליעסק פֿון אופגאנגדיקן דניעפּ.